# פרשת עקב י"ז - כ"ג אב תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת עקב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשכונות וועוורלי גארדענס, לביתו החדש של הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו, וקבע מזוזה בפתח הכניסה. אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום שלישי פרשת עקב***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם אליעזר** (ב"ר אפרים) **וויטריאל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת כ"ץ שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **יצחק כ"ץ** ע"ה). אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **זאב שטראהלי** ע"ה (אביו של הרה"ג **רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א**, דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג), ואצל משפחת הר"ר **מאיר יוסף הענדלער** ע"ה.

*

***יום חמישי פרשת עקב***

לפני תפלת ערבית מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי **באור החיים הק'** לתלמידי הישיבה גדולה.

*

***שבת קודש פרשת עקב***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק מצאנז זי"ע** (מתוך הספר אמת ויציב), ומאת **הרה"ק מסאטמאר זי"ע**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי ישכר דוב כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק גאב"ד סערדאהעלי שליט"א).

***וזה תוכן הסיפורים** (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):*

פעם אחת נתארח אצל **הרה"ק מצאנז** נכדו של הגאון האדיר **רבי משולם איגרא מטיסמעניץ זצ"ל** בעל **אגרא רמה**, **והרה"ק מצאנז** כיבדוהו מאוד כדרכו בקודש לכבד הנכדים ובני אבהן קדישין, וביחוד אם היו תלמידי חכמים, שכיבדם לישב למעלה בראש שולחנו. ובתוך הסעודה אמר לו **הרה"ק מצאנז**, ספר נא לנו מזקינך הקדוש **בעל אגרא רמה זצ"ל**. והוא התחיל לספר מגודל תורתו והתמדתו, ואיך שיומם ולילה לא מש מדברי תורה. ובתוך שיחותיו סיפר, שזקינו היה מוחו טרוד תמיד מחריפות התורה ועמקותיה, עד שמדי יום ביומו באמצע תפלת שמונה עשרה רצה לכוון התפלה, ולא היה יכול, מפני שמוחו היה טרוד בעמקי פלפולי וחריפות התורה, ונשך בשיניו את ידיו, עד שיצא דם, כדי שעל ידי זה יפנה את מוחו מתורה, ויוכל לכוון בתפלתו. וכשגמר זה הסיפור, אמר **הרה"ק מצאנז**, אמת שזהו עבודה גדולה, אבל אני תהלה לקל, כשאני עומד בתפלה לפניו, הנני שוכח לגמרי שיש תורה בעולם.

**והוסיף רבינו**: עס שטייט אין **תולדות קול אריה**, אז דער **קול אריה** האט געזאגט, אז ווילאנג ער איז נישט געווארן א חסיד, איז אים די בעסטע פשטעליך איינגעפאלען אינמיטן די שמונה עשרה. אבער זייט ער איז געווארן א חסיד, בשעת איך דאווען פאלט מיר נישט איין קיין תורה, ווייל ער ליגט אינעם דאווענען. - אזוי האבן זיי אמאל געדאווענט.

*

**די** וואך איז די יארצייט פונעם **סאטמארער רב זי"ע**. נאך די קריג, איז ער געווען פון די וואס האבן אויפגעשטעלט יודישקייט דאהי. דאס וואס כלל ישראל זעהט היינט אויס אזוי ערליך, איז א גרויס חלק צו פארדאנקען די כוחות וואס ער האט ארייגעלייגט דא, נאך די קריג.

**עס** איז ניין און דרייסיג יאר פון ווען ער איז אוועק, אבער ער איז שוין אוועק אסאך יארן פאר דעם. עלף יאר פאר דעם איז ער נישט געזונט געווארן, עס איז יעצט פופציג יאר פון ווען ער איז נישט געזונט געווארן. פון ווען ער איז נישט געזונט געווארן, איז שוין נישט געווען די זעלבע

ווי פאר דעם. ער האט שוין נישט געפירט קיין טישן, און נישט געזאגט קיין תורות און דרשות. עס איז נאר געווען אזויפיל, אז ער האט אויפגענומען מענטשען, אבער ארויסגעקומען צום ציבור, איז ער נאר מזמן לזמן.

*

**פאר** דער **סאטמארער רב** איז געקומען קיין אמעריקא, איז געווען דא דער **צעהלימער רב זצ"ל**, [עס איז היינט א יונגער דור, מען דארף וויסן ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט יענע יארן]. דער **צעהלימער רב** איז געווען דער ערשטער פון די היימישע רבנים וואס איז ארויסגעקומען אהער פאר די קריג. צעהלים איז א שטאט וואס איז נעבן וויען, אין די עסטרייכישע געגענט. עס איז געווען שבע קהלות ארום וויען, און צעהלים און מאטערסדארף זענען געווען פון די זיבן קהלות. און ווען דער רשע איז אריינגעקומען קיין וויען עסטרייך אין יאר תרצ"ט, פיר פינף יאר פאר עס איז געווען די קריג אין אונגארן, האט זיך תיכף אנגעהויבן די צרות פאר יודען אין יענע געגענט, און עס איז בטל געווארן די שבע קהלות וואס זענען דארט געווען. עס איז געווען פון די ערשטע קהלות וואס זענען בטל געווארן, נאך פאר פוילן. דעמאלטס האבן דער **צעהלימער רב** מיטן **מאטערסדארפער רב**, איבערגעלאזט יוראפ און זיי זענען געקומעןביידע אהער קיין אמעריקא.

**דער צעהלימער רב** איז געווען דער ערשטער וואס האט אנגעהויבן צו טון דא פאר יודישקייט. די ערשטע כשר'ע מילך וואס איז געווען דא, כשר פלייש, א היימישע תלמוד תורה, א היימישע ישיבה, די אלע זאכן האט דער **צעהלימער רב** אראפגעלייגט דא קודם. דער **צעהלימער רב** פלעגט זאגן, אז ער האט געמאכט דאס עסן 'וואס' מען זאל עסן, און דער **סאטמארער רב** האט שפעטער געמאכט 'ווער' עס זאל עס עסן. ער האט געמאכט דאס עסן, אבער ער האט נאר געהאט אמעריקאנער יודען וואס זאלן עס עסן. און דער **סאטמארער רב** האט צוגעהאלפען אז עס זאל זיין ווער עס זאל עס עסן.

**אין** וויליאמסבורג זענען דעמאלטס געווען פיר צדיקים, פיר רבי'ס. דער עלטסטער איז געווען דער **סטראפקובער רב**. נאכדעם איז געווען דער **סאטמארער רב**, און נאכדעם איז געווען דער **סקווירא'ער רבי**, און דער **קלויזענבורגער רב**. די פיר זענען געווען די רבי'ס וואס זענען געווען אין וויליאמסבורג. דער **סטראפקובער רב** איז געווען דער עלצטער, און דער **קלויזענבורגער רב** איז געווען דער יונגסטער פון זיי. דער **סטראפקובער רב** איז אבער אוועק ווען איך בין געווען זייער יונג, [ער איז שוין געווען א אלטער יוד], איך בין געווען א יונגעל פון פינף זעקס יאר. איך געדענק נישט דעם **סטראפקובער רב זצ"ל**, און דער **סאטמארער רב** איז געבליבן דער זקן פון די רבי'ס.

**דער סאטמארער רב** האט געהאט א גרויסען עולם. ער איז שוין געווען א רבי פון פאר די קריג, און אויפגעשטעלט אסאך תלמידים, און עס זענען געווען סיגוטער חסידים וואס זענען געווען ביי זיינע אבות, און די אלע האבן זיך צוגעשארט צו אים. דער **סקווירא רבי זצ"ל**, האט איבערגענומען דעם אשכנז'ישן עולם, וואס זענען נישט געווען חסידים פון פאר דעם, און נאך די קריג האבן זיי זיך מדבק געווען צו ערליכע יודען. א גרויס חלק פון די אשכנזישע יודען זענען געווארן סקווירא חסידים. דער **קלויזענבורגער רב זצ"ל** האט אויפגעשטעלט נאך די קריג אין דייטשלאנד הונדערטער הונדערטער משפחות צו האלטן יודישקייט, און ער האט אנגעטון שייטלען פאר אלע פרויען. נאך די קריג איז געווען א תוהו ובוהו, און עס זענען אסאך אוועקגעפאלען, און ער איז געווען דער ערשטער וואס האט זיי צוזאמגענומען דארט, און געמאכט תלמוד תורה'ס און ישיבות, אז מען זאל קענען ווייטער אנהאלטן יודישקייט.

*

**וואס** איך געדענקט פונעם **סאטמארער רב זי"ע** איז פון ווען איך בין געווען א יונגער בחור, פערצן פופצן יאר אלט. נאכדעם בין איך געגאנגען אין ישיבה אויף נייטרא, און איך בין נישט געווען אינדערהיים א גאנץ יאר. מען איז נישט

אהיימגעפארן יעדע פיר וואכן פון ישיבה, נאר איין מאל ווינטער, און איין מאל זומער. ווינטער איז מען אהיימגעפארן אויף שבת חנוכה, און זומער איז מען אהיימגעפארן שבועות. אויסער דעם איז מען געווען א גאנץ יאר אין ישיבה.

**מיר** האבן געוואוינט אין שכינות פונעם **סאטמארער רב**, אויף בעדפארד עוו., בין איך כמעט פון די עלף יאר און, ביז די פערצען יאר, געווען ביי כמעט אלע טישן. מען קען נישט אראפלייגען ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט זיין עבודה פרייטאג צונאכטס, ווען ער איז אריינגעקומען צום טיש, עס איז געווען תוארו כמלאך אלקים. ביים טיש איז געווען אזא ערנסטקייט, אז עס לאזט זיך גארנישט זאגן, מען קען נישט פארשטעלן דאס ערנסטקייט וואס איז געווען. עס איז נישט געווען קיין געזונג'עכטץ, מען האט געזינגען נאר כל מקדש מיט מנוחה ושמחה. מנוחה ושמחה האט גענומען איין מינוט צו זינגען, און כל מקדש האט גענומען דריי מינוט צו זינגען. ער האט מכבד געווען איינער וואס האט געזינגען כל מקדש, און איינער וואס האט געזונגען מנוחה ושמחה. און די גאנצע טיש איז געווען עבודת ה'. מען האט נישט געדארפט האבן די אנדערע זאכן ארום און ארום, וואס זאל צוציען אז מען זאל קומען.

**אין** יענע צייטן, ווען איך בין געווען א יונגעל, איז כמעט נישט געווען קיין קליינע קינדער וואס זענען געבליבן נאך די קריג. עס איז געווען נישט מער פון דרייסיג פערציג בחורים, נאכדעם האט אנגעהויבן אויפצוואקסען דער פרישער דור. די אלע עלטערע זענען געווען יונגעלייט וואס האבן א גאנצע וואך געארבעט שווער און ביטער, און ווען עס איז געקומען פרייטאג צו נאכטס איז מען צוזאמגעפאלען, מען האט נישט געהאט קיין כח. א גרויסער עולם איז געקומען צו שלום עליכם, און נאך קידוש האט זיך אויסגעליידיגט א האלבער בית המדרש, און מען איז זיך געגאנגען אראפלייגען. עס זענען געבליבן די קינדער, מיט אפאר בחורים, מיט אפאר עלטערע יודען, וואס זענען געבליבן נאכדעם ביי די סעודה.

**ביי** די פיש האט ער אלץ מקפיד געווען אז עס זאל זיין שטיל. אויב ער האט געהערט עפעס א שטיקל גערודער, האט ער געקלאפט אויפן טיש אז עס זאל זיין שטיל. וואס איך געדענק דברי תורה איז וואס איך האב געהערט ביז די דרייצן פערצן פופצן יאר. - איך זאג עס ענק, כדי עטץ זאלטס אריינכאפן ווילאנג מען איז יונג. נאכדעם פארפאסט מען עס. און אז מען פארפאסט עס, האט מען עס נישט מער.

**שפעטער** ווען איך בין שוין געווען אין ישיבה, בין איך נאר געווען דארט בין הזמנים, פסח און די הייליגע טעג. די הייליגע טעג בין איך יעדע יאר געווען דארט. ראש השנה פלעגט **מיין טאטע ז"ל** בלאזן שופר, האב איך פארדינט אז ער האט מיך מיטגענומען, און איך בין געשטאנען ביים דאווענען נעבן אים, נאנט צום **סאטמארער רב זי"ע**, און איך האב געקענט מיטהאלטן דאס גאנצע דאווענען. יום הקדוש בין איך קיינמאל נישט געווען, איך געדענק נישט קיין כל נדרי דרשה, אבער די הושענא רבא דרשות יא. און אזוי אויך די הקפות שמחת תורה ווי אזוי עס האט געקוקט.

*

**צוויי** מאל האט ער מיך געבענטשט. פאר איך בין געווארן בר מצוה, און פאר מיין חתונה. ער האט ארויפגעלייגט די הענט אויף מיין קאפ, און געבענטשט. איך געדענק נישט אז ער זאל בענטשען ווען מען איז זיך געגאנגען געזעגענען פאר די הייליגע טעג. איך מיין אז יום הקדוש ביינאכט האט ער געבענטשט אין שטוב, אבער אזוי בכלליות האט ער נישט געבענטשט.

**ווען** איך האב חתונה געהאט, איז מיין חתונה געווען אין מאנטריאל, און אינמיטן די שבע ברכות זענען מיר צוריק געקומען אויף שבע ברכות, און דער **סאטמארער רב** איז ארויפגעקומען צו אונז אין שטוב אויף א מיטאג שבע ברכות, לכבוד מיין טאטען.

*

**איך** זאג אלץ נאך, אז ווען איך בין געווען א יונגעל אין חדר, האט ער מיך איינמאל פארהערט מסכת גיטין. איך קוק ווי אזוי די דורות פאלען, איך בין געווען א יונגעל פון עלף צוועלף יאר, און מיר האבן געלערנט יעדע וואך צווי בלאט גמרא מיט תוספות. אין איין ווינטער האבן מיר אדורכגעלערנט עטליכע פערציג בלאט, פון אנהייב גיטין ביז אינמיטן פרק השולח, גמרא מיט תוספות. פאר פסח זענען מיר זיך געגאנגען פארהערן ביים **סאטמארער רב זי"ע**, אויסענווייניג. די גאנצע כיתה, פערציג בלאט גמרא מיט תוספות, אן די גמרות. מען איז געשטאנען אין די רייע, און ער האט געפרעגט יעדן איינעם א תוספות, און רובם ככולם האבן געקענט. איך מיין אז היינט איז נישט דא אפילו איין יונגעל אין א חדר, וואס זאל קענען זאגען אז ער האט געלערנט אין חדר פערציג בלאט גמרא מיט תוספות אין א ווינטער, און ער זאל זיך עס קענען פארהערן אויסענווייניג. [איך וויל נישט זאגן הויך, אבער אפילו א בחור ווייס איך נישט צו עס איז דא]. ווען ער האט געענדיגט פארהערן, וואס האט מען באקומען דערפאר? מען האט אריינגעברענגט א פעקל קאצקע צוקער, און יעדער האט באקומען איין קאצקע צוקער.

*

**ער** איז געווען זייער גרויס אין תורה און עבודת ה', און צדקה. עס האט מיר פארציילט א יוד, אז רבי יאסל אשכנזי האט פארציילט, אז א יוד איז אמאל אריינגעקומען נאך געלט פאר הכנסת כלה. ער האט פאר יעדן געגעבן ברייט, און ער האט אים אויך געגעבן א געוויסע סומע. און דער יוד האט זיך גע'עקשנ'ט אז ער וויל האבן טויזנט דאלער. האט אים דער **סאטמארער רב** געזאגט, איך האב נישט פאר דיר יעצט, איך וועל זעהן צו איך קען דיר געבן, קום אריין אין א וואך ארום. אין א וואך ארום איז ער אריינגעקומען, האט אים דער **סאטמארער רב** געגעבן ניין הונדערט און פופציג דאלער. ווען ער איז ארויסגעגאנגען פרעגט רבי יאסל דעם **סאטמארער רב**, דער יוד האט געבעטן טויזנט דאלער, דער רבי וואלט ארעם געווארן ווען מען גיט אים נאך פופציג? פארוואס האט דער רבי געגעבן נאר ניין הונדערט און פופציג. האט ער אים געזאגט, ווען איך וואלט אים געגעבן די גאנצע טויזנט, וואלט ער ארויסגעגאנגען מיט א שווער הארץ, פארוואס ער האט נישט געבעטן צוויי טויזנט. אזוי זאל ער כאטש זעהן אז עס איז מיר נישט גרינג אנגעקומען צו געבן די טויזנט, איך האב אים נאר געגעבן ניין הונדערט פופציג.

*

**זיין** הכרת הטוב. יעדער איינער וואס האט אים אמאל געטון עפעס א טובה, האט ער עס געדענקט, און ער האט פראבירט צוריק צו צאלן, ווען ער האט געהאט א געלעגענהייט, פאר זיי צו פאר די קינדער. מען זאגט נאך, אז ער האט אמאל געזאגט, אז רש"י (בראשית מז-כט) זאגט, אז חסד שעושין עם המתים איז א חסד של אמת, שאינו מצפה לתשלום גמול. אז מען טוט א חסד פאר א מענטש, טראכט מען אסאך מאל אז מען וועט אמאל צוריקבאקומען דעם חסד. אבער חסד וואס מען טוט מיט א מת, דער מת וועט נישט צוריק טון דעם חסד, איז עס א חסד שאינו מצפה לתשלום גמול.

**האט** ער געזאגט, אז על פי רוב זעהט מען, אז מען טוט פאר יענעם טובות, און שפעטער באצאלט יענער גארנישט צוריק. און אסאך מאל באצאלט ער נאך צוריק מיט א שטיין וואס ער ווארפט צוריק אויף די טובות וואס מען האט אים געטון. קומט אויס, אז מען טוט מיט יענעם חסד, און מען ווארט אויף א תשלום גמול, אבער אסאך מאל איז דער תשלום גמול א פאטש, אנשטאט דעם וואס מען האט געטון גוטס. אבער וואס מען טוט חסד מיט א מת, דאס איז א חסד של אמת, א פאטש וועט ער שוין נישט צוריק געבן דערויף.

**וואס** איז דער פשט דערפון? וואס מיינט עס, אז מען טוט מיט יענעם חסד, און ער צאלט נישט צוריק. **מען זעהט אז איינער וויל יענעם העלפן, ער פראבירט אים צו העלפן. אויב אמאל האט זיך געמאכט, אז ער האט נישט אזוי אויסגערעכנט די הילף פאר יענעם, אזוי ווי יענער האט געוואלט. ווערט ער ברוגז אויף דאס**

**וואס מען האט אים געטון. ער נעמט נישט אין חשבון, וויפיל דער מענטש האט זיך געפלאגט, וויפיל גוטס ער האט דיך יא געטון, דאס פארגעסט ער, נאר דאס איינע מאל וואס מען האט עפעס נישט געטון אזוי ווי ער האט געוואלט, אויף דעם ווערט מען ברוגז.** - א מענטש ארבעט ביי א צווייטן, און דער בעל הבית פלאגט זיך מיט דעם ארבעטער, ער גיט נישט ארויס א געהעריגע ארבעט וכדומה, ער טוט נישט וואס ער דארף צו טון. און דער בעל הבית האלט אים, און ער האלט אים, ווייל ער וויל אים דאך נישט ארויסווארפען. ביז עס קומט אמאל א מצב, וואס ער האט נישט קיין ברירה, און ער מוז יענעם אפזאגען. ווערט ער אים א שונא. וויפיל חסד האט ער געטון מיט אים די גאנצע צייט וואס ער האט אים געהאלטן ביז יעצט. ער האט זיך געפלאגט, ווייל ער האט נישט געוואלט יענעם ווי' טון. און יעצט איז מען ברוגז. **דער וואס האט אים קיינמאל נישט געהאלפען, אויף דעם איז מען נישט ברוגז.**

**אסאך** מאל איז עס נוגע פאר עלטערן מיט קינדער. **קינדער דארפן באדינען די עלטערן וכדומה, און דאס קינד האט נישט געטון פאר די עלטערן וואס מען האט געדארפט, ווערט מען ברוגז. אבער מיט דעם קינד וואס האט קיינמאל נישט געהאלפן, מיט דעם איז מען גוט, ווייל ער האט קיינמאל נישט געטון קיין עוולה.**

**מען** זעהט עס אסאך מאל אויך אין די עבודת הקודש. **א מלמד, א מגיד שיעור, וכדומה, וואס מען איז נישט צופרידן מיט אים, און מען פלאגט זיך איין יאר, און נאך א יאר, און נאך א יאר, אז עס זאל זיך אויסארבעטן. און עס ארבעט זיך נישט אויס. און עס קומט א צייט וואס מען זאגט, אז מען קען נישט ווייטער. ווערט מען ברוגז. פארוואס טראכסטו נישט וויפיל גוטס מען האט דיר געטון, אז מען האט דיך געהאלטן דא אפאר יאר, וואס מען האט זיך געפלאגט מיט דיר?!**

**א בחור אין ישיבה. וואס מען פלאגט זיך אסאך מאל מיט אים, נאך א יאר, און נאך א יאר, ביז עס איז כלו כל הקיצין, מען קען נישט ווייטער, ווערט ער ברוגז אז מען האט אים אוועקגעשיקט פון די ישיבה. פארוואס טראכסטו נישט וויפיל גוטס מען האט דיר געטון, אז מען האט דיך געהאלטן א פאר יאר, און מען האט זיך געפלאגט מיט דיר, ביז מען האט דיך אוועקגעשיקט.** – איך וויל ארויסברענגען די נקודה וואס דאס מיינט, אז מען טוט מיט יענעם גוטס, און אסאך מאל באצאלט מען נישט נאכדעם אויף די טובה וואס ער האט געטון, נאר אדרבה מען ווערט נאך ברוגז. א חסד שעושין עם המתים, דאס איז אינו מצפה לתשלום גמול, דער מת וועט נישט צוריק טון קיין שלעכטס. אבער פאר א מענטש וועמען מען טוט גוטס, און איין מאל פארהאנקערט מען זיך, ווערט ער א שונא אויף וואס מען האט אים געטון.

*

**מען** פארציילט נאך, אז אין די ערשטערע יארן, איז געווען אמאל א אסיפת הרבנים, מיט ליטווישע רבנים צוזאמען, און דער **סאטמארער רב** איז אויך דארט געווען. דער **סאטמארער רב** איז דאך געווען א שארפער, און די ליטווישע רבנים זענען נישט געווען אזוי צוגעוואוינט צו אזא סארט שפראך ווי ער פלעגט צו רעדן. און עס האט זיך איינער אנגערופן צוריק, אזוי שלא בדרך כבוד. איז געזעסן דארט **רבי יצחק הוטנער זצ"ל**, ער איז געווען א שטארקער אוהד פארן **סאטמארער רב**, און ער האט זיך אנגענומען פארן **סאטמארער רב**, האט ער געגעבן א קלאפ, אז ער וויל עפעס זאגן.

**האט** ער געזאגט, אז עס שטייט ביי נח, ווען ער איז געווען אין די תיבה, וישאר אך נח (בראשית ז-כג), און רש"י ברענגט צו א מדרש, אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען פון די תיבה, איז נח געווען צובראכען, ווייל ער האט אמאל פארשפעטיגט צו געבן פאר דעם לייב צו עסן, האט אים דער לייב געביסן, און פון דעם איז געווען 'אך' נח. א ביס פון א לייב איז נישט בא'טעמ'ט. רש"י ברענגט צו דערויף א פסוק (משלי יא-לא), הן צדיק בארץ ישולם, אז פאר א צדיק טוט דער אייבערשטער באצאלן אויף די וועלט. נח האט

געטון א עוולה, ער האט פארשפעטיגט דאס עסן פאר דעם לייב, האט אים דער אייבערשטער באצאלט אויף די וועלט. וישאר אך נח, ער האט באקומען זיין ווייטאג דא אויף די וועלט.

האט **רבי יצחק הוטנער** געפרעגט, רש"י זאגט אז דער אייבערשטער האט באצאלט פאר נח, איז דער טייטש אז דער אייבערשטער האט זיך אנגענומען פאר דעם לייב, אז עס קומט זיך פאר נח דעם פאטש. איך וועל דיר עס נישט באצאלן אויף יענער וועלט, נאר דו וועסט עס באקומען אויף די וועלט. דער נח איז דאך געווען פארנומען א גאנץ יאר. ער האט געגעבן צו עסן פאר דעם לייב, און פאר טויזנט אנדערע בעלי חיים וואס זענען געווען דארט. עס שטייט אין די גמרא (סנהדרין קח:) אז ער איז נישט געשלאפן בייטאג און ביינאכט. ער מיט זיינע דריי קינדער, האבן געדארפט צושטעלן דאס עסן פאר טויזנטער בעלי חיים וואס איז געווען דארט אין די תיבה. איין חיה עסט פריער, איין חיה עסט שפעטער. האט ער אמאל פארשפעטיגט און ער האט נישט געגעבן פארן לייב צו עסן אין צייט, על כן, באקומט ער א שטראף?! און דער אייבערשטער האט אים באצאלט אויף די וועלט, אז דער לייב האט אים געביסן.

**האט רבי יצחק הוטנער** געזאגט, יא, אז עס איז דא א מבול, און עס איז נישט געבליבן נאר איין לייב אויף די וועלט, דארף מען פאר דעם איינעם לייב האבן שטארק דרך ארץ, ווייל עס איז נישט דא קיין אנדערס, עס איז נאר דא איין לייב. דו טארסט אים נישט פארשפעטיגען צו געבן זיין עסן אפילו מיט איין מינוט. און דער אייבערשטער האט זיך אפגערעכנט מיט נח, ווייל ער האט פארשפעטיגט צו געבן צו עסן פאר דעם לייב.

**האט** ער געזאגט, מיר האבן געהאט אסאך לייבן, אריות בתורה, און דער רשע היטלער האט אלעס צוגענומען, און עס איז געבליבן איין לייב, וואס איז ארויסגעקומען דא אהער. און פאר דעם איינעם לייב דארף מען שטארק דרך ארץ האבן. א קלייניגקייט וואס מען טשעפעט מיט דעם לייב, וועט זיך דער אייבערשטער אפרעכענען דערמיט. מיט דעם האט ער בארואיגט, אז מען זאל זיך נוהג זיין בדרך כבוד.

*

**איך** וועל צוענדיגען מיט א ווארט פון **רבי אברהם קאלמאנאוויטש זצ"ל**. ער האט אמאל געשמועסט מיטן **סאטמארער רב**, דעם חילוק צווישן די היינטיגע דורות, און די פריערדיגע דורות. וואס עס איז געווען ביי די ראשונים, און ווי אזוי עס קוקט היינט אויס. מען ווייסט אז דער **סאטמארער רב** האט אלץ גערעדט פון דעם, אז מען דארף מחשיב זיין די פריערדיגע, און זיך האלטן צו די וועג פון די פריערדיגע, און נישט טוישן פון וואס עס איז געווען פריער. האט ער געזאגט, אז די גמרא (עירובין נג.) זאגט, לבן של ראשונים איז געווען כפתחו של אולם, די הארץ פון די ראשונים איז געווען אזוי גרויס ווי די טיר פונעם אולם. לבן של אחרונים איז כפתחו של היכל, די הארץ פון די שפעטערדיגע איז שוין נישט אזוי גרויס ווי דער אולם, נאר עס איז אזוי ווי דער היכל.

**דער** אולם מיטן היכל זענען געווען צוויי אריינגענג צום בית המקדש. די פתח פון די אולם איז געווען צוואנציג אמה די ברייט, און די פתח פון די היכל איז געווען נאר צען אמות די ברייט. ווען די גמרא וויל זאגן אז לבן של ראשונים איז געווען מער, זאגט די גמרא אז זיי האבן געהאט א ברייטערע הארץ, אזוי ווי פתחו של אולם. און די אחרונים האבן נאר א קלענערע הארץ, זייער עפענונג איז נישט אזוי גרויס, נאר אזוי ווי די פתחו של היכל. האט ער געפרעגט, קען מען דען מעסטען די הארץ פון די ראשונים, און די הארץ פון די אחרונים, אז דאס איז צוואנציג אמות, און דאס איז צען אמות. און פארוואס דארף ער עס צוגלייכען צו דעם אולם און דעם היכל, זאג אז דאס איז גרויס און דאס איז קליין. און וואס איז דער לשון 'כפתחו' של אולם, דאס איז געווען 'כרוחב' של אולם, און דאס איז געווען 'כרוחב' של היכל.

**האט** דער **סאטמארער רב** געזאגט, די חילוק צווישן די ראשונים און די אחרונים איז, א ראשון איז געווען א ראשון פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג, ער האט זיך קיינמאל נישט געטוישט פון וואס ער איז געווען פריער. פון ווען ער איז געקומען לכלל דעת, ער איז געווארן א גדול, איז ער אלץ געווען דער זעלבער סארט גדול. עס איז נישט קיין נפקא מינה צו ער האט גע'פסק'נט עפעס, צו ער האט געגעסן, צו מען האט גערעדט מיט אים אין עניני עולם הזה, אלעס איז געווען אויף א וועג ווי אזוי א גדול האט גערעדט. אפילו א הוה אמינא פון א ראשון, איז אויך א ראשון, עס איז נישט קיין נפקא מינה. ווייל א ראשון איז אלץ געווען אין די זעלבע מדריגה, ער האט זיך קיינמאל נישט געטוישט פון וואס ער איז געווען פאר דעם.

**לבן** של אחרונים, אפילו מען איז גרויס אין תורה וכדומה, איז עס נישט אייביג. אמאל פאלט מען, אמאל איז מען מער, און אמאל איז מען ווייניגער. עס מיינט נישט, אז ווייל ער איז גרויס אין תורה, איז זיין עסן און זיין שלאפן און זיין הנהגה א גאנצען טאג די זעלבע ווי ווען ער זיצט און לערנט. און היינט זאגט ער אזוי, און מארגען זאגט ער אנדערש. עס טוישט זיך. די הארץ פון די אחרונים איז נישט אייביג אויפן זעלבן מדריגה.

**די** חילוק צווישן די פתחו של אולם און דער פתחו של היכל איז נישט, אז דער אולם איז געווען צוואנציג אמות און דער היכל איז נאר געווען צען אמות, נאר די פתחו של אולם האט נישט געהאט קיין טירן, עס איז געווען א עפענונג. עס איז געווען א פתח, אבער עס האט נישט געהאט א טיר עס צו פארמאכן. דער פתחו של היכל, האט געהאט דלתות, עס האט געהאט טירן. און עס איז געווען קרבנות, וואס אויב מען האט עס גע'שחט'ן און עס איז נישט געווען אפען די טיר פון היכל, איז עס געווען פסול. די טיר פונעם היכל איז געווען אמאל פארמאכט, און אמאל אפען, מען האט עס געקענט פארמאכן. דער אולם איז אייביג געווען אפען. האט ער געזאגט, לבם של ראשונים איז געווען כפתחו של אולם, עס איז אייביג געווען אפען, עס איז נישט געווען א מציאות אז עס זאל זיך פארמאכען. אזוי ווי דער פתחו של אולם איז אייביג אפען, אזוי איז געווען לבם של ראשונים. אבער לבם של אחרונים האט שוין א פתח, אזוי ווי דער פתחו של היכל. אמאל איז עס אינגאנצן אפען, אמאל איז עס האלב אפען, אמאל איז עס האלב פארמאכט, אינגאנצן פארמאכט. דאס איז דער חילוק צווישן די ראשונים און די אחרונים.

**זאלן** זיי זיין מליצי יושר אויף אונז אלע, און מיר זאלן זוכה זיין אי"ה, אז זייער זכות זאל מגין זיין אויף אונז אלע. - איך וויל זיך געזעגענען פון די בחורים, איך האף אי"ה די וואך אוועקצופארן, מתפלל זיין אויף קברי אבות, דער הייליגער **חתם סופר זי"ע**, און אנדערע צדיקים. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאלן נתקבל ווערן די תפלות, מען זאל קענען פארן געזונטערהייט און צוריק קומען געזונטערהייט, און זיך טרעפן מתוך שמחה וטוב לבב, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.